Scroll down to last page for the English synopsis of this talk.

# **אַ בליק אַרײַן אין דער געשיכטע: דער פֿרײַלאַנד־באַנקעט, 1952**

צירל-אסתּר קוזניץ

הײַנט וועל איך רעדן וועגן דער פֿרײַלאַנד-ליגע אין 1952. לאָמיר דערמאָנען אַז דאָס איז אַ מאָמענט אַ פּאָר יאָר נאָכן אויפֿקום פֿון מדינת-ישׂראל, ווען די פֿראַגע פֿון ייִדישע פּליטים פֿונעם לעטצן חורבן, בפֿרט אין די די־פּ־לאַגערן, איז געווען גאַנץ אַקטועל. אימיגראַציע איז אויך געווען אויפֿן סדר-היום אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן: די פֿרײַלאַנד-ליגע האָט דעמאָלט פּראָטעסטירט קעגן אַ נײַ געזעץ, the McCarren-Walter Act, וואָס האָט באַגרענעצט די צאָל אימיגראַנטן וואָס מע לאָזט אַרײַן אין לאַנד.

אין 1952 האָט די אָרגאַניזאַציע געהאַט איר באַנקעט אין פּאַרק־שעראַטאָן־האָטעל אין ניו-יאָרק [וואָס מיר זעען אויפֿן בילד]. די צוויי הויפּטרעדנערס אויפֿן באַנקעט - וואָס האָבן, אַגבֿ, ביידע גערעדט אויף ענגליש - שפּילגען אָפּ צוויי אַספּעקטן פֿון די אינטערעסן פֿון דער פֿרײַלאַנד-ליגע אין יענע יאָרן.

איין רעדנער,קלערענס סעניאָר, איז געווען אַ פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע און אַ פּראָפֿעסאָר אין קאָלאָמביע-אוניווערסיטעט, אַ מומחה איבער מיגראַציע, בפֿרט וואָס שייך פּוערטאָ-ריקאָ. ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז מיגראַציע זאָל נישט זײַן אַ פֿראַגע פֿון יחידים נאָר פֿון גרופּעס, וואָס זאָלן פּלאַנירן זייער באַזעצן זיך אין אַ נײַ לאַנד בשותּפֿות מיט די רעגירונגען וואָס דאַרפֿן נײַע תּושבֿים. די אימיגראַנטן זאָלן זיך באַשעפֿטיקן, כאָטש טיילווײַז, מיט ערדאַרבעט, ווײַל דאָס איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי אינדוסטריע פֿאַר אַ לאַנד וואָס וויל אַנטווילען איר עקאָנאָמיע.

סעניאָרס אידעעס זײַנען געווען אין גאַנצן בהסכּם מיט דער פֿרײַלאַנד אידעאָלאָגיע. י־.נ. שטיינבערג, אַדאַ סיגעל, און אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז נאָר אַ סיסטעמאַטישע מיגראַציע קען לייזן די פּראָבלעם פֿון די ייִדישע פּליטים. ערדאַרבעט אין לענדער וואָס נייטיקן זיך אין אַ נײַער באַפֿעלקערונג קען מאַכן די ייִדן געזונט, סײַ פֿיזיש, סײַ עקאָנאָמיש, סײַ קולטורעל. אַ מוסטער איז די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין דרום־אַמעריקע, ווו עס האָט דעמאָלט געבליט די ייִדישע קולטור און איז לעטצנס געהאַט פֿאָרגעקומען אַ

״קאָנגרעס פֿון די זין פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע״.

דער צווייטער רעדנער איז געווען האַנס כּהן, אַ פּראָג-געבוירענער פּראָפֿעסאָר אין סיטי קאַלעדזש, ניו־יאָרק און אַ באַרימטער טעאָרעטיקער פֿון נאַציאָנאַליזם. [בײַם טיש נומ׳ 3 זיצט ד״ר שטיינבערג און איך מיין אַז ער זיצט הינטער אים אין בילד.] כּהן איז פֿריִער געווען אַ שטיצער פֿון ״ברית שלום,״ אַ לינקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, און שפּעטער אַ קעגנער פֿון ציוניזם. ער האָט גערעדט וועגן ״סוווערעניטעט און זיכערקייט פֿון מלוכות״. ער האָט קריטיקירט דעם געדאַנק, אַז פּאָליטישע סוווערעניטעט איז דאָס בעסטע מיטל פֿאַר אַ פֿאָלק צו זײַן זיכער אויף דער וועלט. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם ציוניסטישן באַגריף אַז ייִדן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד.

נאָענט צו כּהנס מיינונג זײַנען געווען פֿרײַלאַנדיסטן ווי נתן חפֿשי, אַ לינקער ציוניסט וואָס האָט שטאַרק קריטיקירט מדינת-ישׂראל, בפֿרט איר באַציִונג צו די היגע אַראַבער. אויך דער באַרימטער פּסיכאָלאָג עריק פֿראָם האָט באַגריסט דעם באַנקעט מיט אַ בריוו וווּ ער האָט באַשריבן די פֿרײַלאַנד-ליגע ווי אַ המשך פֿון דער מסורה פֿון גלײַכקייט און פֿרײַהייט פֿון די ייִדישע נבֿיאים, ״דאָס בעסטע אין דער טראַדיציע פֿון ייִדישן פֿאָלק״.

צווישן די אָנטיילנעמערס אין באַנקעט זײַנען געווען מרדכי שעכטער און זײַן שוועסטערביילע [זיי זיצן בײַם טיש נומ׳ 2 אין בילד, אַ ביסל אויף לינקס. בײַם זעלבן טיש זיצן מיטאַ שטיינבערג טשאַרני און לעאָ שטיינבערג, די קינדער פֿון ד״ר שטייבערג. אַגבֿ, מיר האָבן אידענטיפֿיצירט אַ פּאָר אַנדערע מענטשן אין בילד, אָבער אויב מענטשן אינעם עולם דערקענען אַנדערע, לאָזט אונדז וויסן נאָך דער פּראָגראַם]. מרדכי און ביילע שעכטער זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד ווי פּליטים פֿון רומעניע מיט אַ יאָר פֿריִער, נאָכן אָפּזײַן אין אַ די־פּי־לאַגער אין ווין. איז קלאָר אַז פֿאַר זיי זײַנען די פֿראַגעס פֿון פּליטים און מיגראַציע גאַנץ נאָענט.

באַלד נאָכן באַנקעט האָט די פֿרײַלאַנד-ליגע זיך געזעגנט מיט מרדכי שעכטערן בײַ זײַן אַוועקפֿאָרן צו דינען אין אַמעריקאַנער מיליטער. מען האָט אים באַגריסט ווי ״דעם יונגן פֿרײַלאַנדיסט מיט אַ קלאָר פֿאַרשטענדעניש און טיפֿער איבערגעגעבנקייט צו דער פֿרײַלאַנד אידעע״.

זײַן שוועסטער, ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן, וואָס איז מיט אונדז הײַנט, האָט גערעדט מיט איר זון, איציק גאָטעסמאַן, וועגן דער טערעטאָריאַליסטישער באַוועגונג און איר טעטיקייט, און מיר וועלן איצט זען אַ קורצן פֿילם פֿון אָט דעם אינטערוויו.

# A SNAPSHOT IN HISTORY:
## The Freeland Banquet, 1952
### Synopsis, Dr. Cecile E. Kuznitz

Today I will give a historical snapshot of the Freeland League in 1952, at a moment after the creation of the State of Israel when the problem of Jewish refugees in the DP camps was pressing. Immigration reform, then as now, was a current issue: the organization protested the passage of the McCarren-Walter Act, which restricted immigration to the US. That year the Freeland League held its annual banquet in the Park Sheraton Hotel, where the two main speakers reflected two aspects of the organization's concerns.

Clarence Senior, a leader of the Socialist Party of America and an expert on migration, spoke on his view that migration should not be an individual matter but rather carefully planned by groups wishing to immigrate in conjunction with the governments of the receiving countries. He also believed that agricultural settlement was just as important as industrialization. Senior's ideas were entirely in keeping with the League's own philosophy as expressed by I.N. Steinberg, Ada Siegel and others, which stressed the need for systematic migration to address the refugee problem on the one hand and the problem of underdevelopment on the other. Agricultural settlement would also promote sound health, economics, and Jewish culture.

Hans Kohn, a well-known theoretician of nationalism, spoke on "sovereignty and the security of states." He criticized the idea that political sovereignty provided the highest level of security for a national group and thus challenged the Zionist notion that Jews necessarily needed a land of their own. In this he echoed other Freeland supporters such as Nathan Khofski, a left-wing Zionist in Israel who was highly critical of Israel, particularly its treatment of the local Arab population. Similarly, the psychologist Erich Fromm greeted the banquet with a letter praising the movement for upholding Judaism's prophetic tradition of dignity and freedom for all. (See Fromm's letter in the exhibit).

Among those attending the banquet were Mordkhe Schaechter and his sister Beyle. They had arrived in the US a year before as Romanian refugees after spending time in a DP camp in Vienna, so the refugee question was close to them personally. Soon after the banquet the Freeland League bid farewell to Mordkhe Schaechter as he left to serve in the American military. Beyle Schaechter-Gottesman was recently interviewed by her son, Itzik Gottesman, and we will now see a short film where she talks about the movement.